# פרשת צו – שמיני ו׳ – כ״ו ניסן תשע״ז לפ״ק

***יום ראשון פרשת צו***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן **הרה״ג רבי לייבוש גאלדבערגער שליט״א** אב״ד מעדיער, עב״ג בת **הרב יעקב צבי הערשקא שליט״א**, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת צו***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לאפיית מצות לחג הפסח, בבית האופה דסאטמאר (בראדוועי). **רבינו שליט״א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, והשגיח בכל תהליך האפיה שיהא משומר ובא כדת וכדין.

*

***יום שלישי פרשת צו***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת רוטנער ע״ה (אלמנת הר״ר **יעקב חיים** רוטנער ע״ה).

*

***יום חמישי פרשת צו***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הרב **זעליג מאיער** שליט״א (ר״מ בישיבתינו הק׳). **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט פאר דעם יום טוב פון פסח. די מצוה פון קרבן פסח, איז די איינציגסטע מצוה, וואס די תורה האט געזאגט, וכל ערל לא יאכל בו (שמות יב-מח). יעדע מצוה איז יעדער יוד מחויב מקיים צו זיין, צו ער איז יא געמל׳ט צו ער איז נישט געמל׳ט, איין מצוה שטערט נישט דאס צווייטע. קרבן פסח איז די איינציגסטע מצוה, וואס די הלכה איז, אז א ערל טאר נישט עסן דערפון. פארוואס איז דווקא די מצוה געגעבן געווארן אויף דעם וועג.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **בני יששכר** (ניסן ד-א), אז יעדע יאר פסח מאכט מען א זכר אויף יציאת מצרים. דער קרבן פסח איז א זכר אשר פסח על בתי בני ישראל (שמות יב-כז), מצה איז א זכר אויף כי גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה (שם יב-לט). פרעגט דער **בני יששכר**, מילא ווילאנג יודען זענען געווען ארויס פון גלות, מען האט געהאט פאר זיך עקסטער א לאנד אין ארץ ישראל, און יודען זענען געווען בישובם, איז געווען א יום טוב אז מען איז ארויס פונעם גלות, מעבדות לחירות ומשיעבוד לגאולה, אבער היינט וואס אכתי עבדי אחשורוש אנן, מיר זענען נאך ווייטער אין גלות, מען איז נאר ארויס פון איין גלות, און מען איז אריין אין א אנדערע גלות. און ווי דער **בני יששכר** רופט עס אן, אז מען איז אריינגעגאנגען אין א שווערערן גלות, פון וואס מען איז געווען אין מצרים, אויב אזוי, ולשמחה מה זו עושה, וואס איז די שמחה? א עבד וואס איז אמאל ארומגעגאנגען פרייערהייט, און שפעטער איז ער צוריק געווארן א עבד, פריידט ער זיך מיט דעם וואס ער איז אמאל געווארן פריי פון זיין עבדות?! ער איז דאך ווייטער א עבד.

**איז** דער **בני יששכר** מסביר, און ער זאגט, אז אין יציאת מצרים איז געווען צוויי סארט גאולות. עס איז געווען א גאולת הגוף, פון וואס מען האט געארבעט בחומר ובלבנים, און עס איז געווען א גאולת הנפש. דער גוף איז נישט אויסגעלייזט היינט אינעם גלות, אכתי עבדי אחשורוש אנן, מיר זענען נאך ווייטער עבדים בחומר ובלבנים. אבער די גאולה וואס יודען האבן דעמאלטס געהאט, ווען מען איז געווען נאנט צו די חמשים שערי טומאה, ולא יכלו להתמהמה, וואס אויב מען וואלט דארט אריינגעפאלן וואלט מען מער נישט געקענט ארויסגיין, און דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פונעם גלות אין די לעצטע מינוט, און מען האט מקבל געווען די תורה, אז עס איז שוין נישט מעגליך אז א יוד זאל קענען אריינפאלן אין די חמשים שערי טומאה, דער רוחניות׳דיגער חלק פון די גאולה פון מצרים, איז א גאולה נצחיית, א גאולה אויף שטענדיג.

**קרבן** פסח איז א קרבן תודה, מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים. מען וויל אבער וויזען אז דער קרבן וואס מען ברענגט, איז נישט אויף די גאולה פונעם גשמיות וואס מען האט געהאט אין מצרים, נאר אויף די גאולת הנפש. אויף א גאולה גשמיות דארף יעדער דאנקען דעם אייבערשטען, צו ער איז א ערל, צו ער איז נישט א ערל. עס איז נישט קיין שום נפקא מינה וואס דער מציאות פועם מענטש איז. אויף א טובה וואס מען האט געטון, דארף מען געבן דערויף א דאנק. אבער ווען מען רעדט אז מען איז ארויסגעגאנגען פון טומאה, און מען איז אריינגעקומען אין טהרה, וואס אויף דעם ברענגט מען דעם קרבן פסח, דארט איז כל ערל לא יאכל בו. אויב ער איז נאך ווייטער געבליבן א ערל, וואס א ערל איז דאך נישט נאר דער טייטש אז ער איז א ערל בשר, נאר ער איז אויך א ערל לב, ווייל מען קען נישט האבן א השגה אין תורה, ביז מען מל'ט זיך נישט, קומט אויס אז עס פעלט אים אינגאנצן דאס ארויסגיין פון טומאת מצרים, עס איז ביי אים נישט קיין שלימות, וועגן דעם איז כל ערל לא יאכל בו. מיר וויזן אז דאס וואס מיר נעמען א קרבן פסח, איז נישט אויף דעם גשמיות'דיגען חלק הגאולה, ווייל פון דעם וואלט א ערל אויך געקענט עסן, אבער אז מען רעדט פון רוחניות, קען א ערל נישט האבן דערין א שייכות.

*

***<u>שבת קודש פרשת צו</u>***

לפני קריאת התורה למד **רבינו שליט"א** ההלכות השייכות לחג הפסח הבעל"ט.

בשעות אחר הצהרים דרש **רבינו שליט"א** דרשת שבת הגדול בענין בעלות באיסורי הנאה (פסחים ו:), והאריך בדברי חיזוק ביסודות האמונה, אשר בעת שהאדם מתעצם בדיבורי אמונה בכל לבבו, משתנה הנהגתו בכל מהלך החיים. ועורר גם על כלי הטעכנאלאגיע השונים, אשר האיש המאמין בה' שפרנסתו מסורה ביד ה', משתדל למצוא חן בעיניו ולשמור עצמו מכל נדנוד איסור. ולהזהר בהשפעת חביריו והסביבה, להסתובב רק בסביבה של יראי ה' ולהרחיק משכן רע.

והמשיך בדברי הכנה לליל התקדש החג, ובדברים מיוחדים בסדר חינוך הבנים בדברי רוך ואהבה, אשר באופן זה יוכל להשפיע ולאהב עליהם דרכי התורה, ללכת בדרכי אבותינו תמיד. (תוכן הדרשה נדפס בגליון דברי תורה).

* * *

***<u>יום ראשון פרשת שמיני א'</u>***

בשעות אחר הצהרים מכר **רבינו שליט"א** את החמץ להגוי, בנוכחות הגה"צ **אב"ד וואדקערט** שליט"א, הרה"ג **אב"ד בראשוב** שליט"א, הרה"ג רבי **אהרן ישעי' ראזנער** שליט"א דומ"ץ סאמבאטהעלי, הרה"ג רבי **אפרים צבי ראזענבערג** שליט"א דומ"ץ צמח צדיק וויזניץ וומסב"ג.

כעשרים דקות אחר השקיעה הלך **רבינו שליט"א** לשאיבת מים שלנו על יד בית האופה דסאטמאר (בראדוועי). אחר כך שאבו בני המשפחה ואנשי שלומינו שנוכחו במקום.

*

***<u>יום שני פרשת שמיני א' – ערב פסח</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **מרדכי רובין** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעת חצות הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות מצוה בבית האופה דסאטמאר (באולם בית רחל). אחר **שרבינו שליט"א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, פתח באמירת הלל בהתעוררות עצומה. **רבינו שליט"א** המשיך גם בהכנסת המצות לתנור ברגשי קודש.

אחר אפיית המצות נפגש **רבינו שליט"א** עם **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**, ואיחלו בברכת החג, ושנזכה לאכול שם מן הזבחים ומן הפסחים.

*

***<u>יום רביעי - ב' דפסח</u>***

בליל ב' דפסח זכו מספר מצומצם מבחורי אנ"ש להסב אצל הסדר של **רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** השמיע

לפניהם בתוך הדברי תורה דברי הדרכה והתעוררות (נדפס בגליון דברי תורה).

*

***יום חמישי - א' דחוה"מ***

בשעות הצהרים הגיע **כ"ק גאב"ד סערדאהעלי שליט"א** לביקור חג אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגה"צ מסערדאהעלי:** וואס מאכט מען?

**רבינו:** געלויבט דער אייבערשטער. ווי אזוי איז געווען די סדרים?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ב"ה. די סדרים זענען זייער גוט, אבער כאשר זכינו לסדר אותו, כן נזכה לעשותו. דער **טאטע ז"ל** פלעגט אלץ דערציילן [עס איז אויך געדרוקט (**בהגדה חודש האביב** בפיסקא נרצה)] אז עס איז געווען א צדיק וואס האט אפגעראכטן דעם ערשטן סדר עפעס אזאנס און אזעלכס, אבער ביי דעם צווייטן סדר איז ער איינגעשלאפן, און ער האט זיך אויפגעוועקט ממש פאר חצות, און ער האט שנעל אפגעראכטן די סדר, מיט א צובראכן הארץ. און דער **רבי פון לובלין** האט אים געזאגט, דער ערשטער סדר איז געווען מהיכי תיתי, אבער דער צווייטער סדר דאס איז געווען עפעס. דער **טאטע ז"ל** פלעגט עס צו דערציילן אזוי שיין שטאט מיט אלע פיטשיוקעס.

**רבינו:** אויבן מעסט מען אנדערש פון דא. עס איז א אנדערע מאס.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א קרעכטץ פון א יוד איז מער ווערט פון אסאך...

**רבינו:** ויאנחו בני ישראל...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב געהערט פון א חסיד'יש יוד, רבי משה גאלדהירש ע"ה, וואס האט נאכגעזאגט פונעם **שטעפינעשטער**, אז עס איז דא פיר דרגות ביי מענטשען. 'יא יא', 'יא ניין', 'ניין יא', און 'ניין ניין'. זאגט ער, 'יא יא', דאס איז א פיינער יוד, און ער אליין האלט אויך פון זיך אז ער איז א פיינער יוד. נאכדעם איז דא 'יא ניין', ער איז א פיינער יוד, אבער ער האלט זיך פאר גארנישט. נאכדעם איז דא 'ניין ניין', ער איז גארנישט, און ער ווייסט אז ער איז גארנישט. נאכדעם איז דא 'ניין יא', ער איז א גארנישט, אבער ער האלט זיך פאר דעם שענסטן יוד. זאגט ער, די בעסטע פון די אלע איז 'יא ניין', ער איז א חשובער יוד, און ער האלט נישט פון זיך, דאס איז דער חשוב'סטער פון אלע. האט ער געפרעגט פון די חסידים, ווער איז דער ערגסטער פון די אלע, האבן די חסידים געענטפערט, אז דער ערגסטער איז דער 'ניין יא', לא די וואס דו ביסט גארנישט, האלטסטו זיך נאך פאר א שיינער יוד?! האט ער געזאגט, ניין, דער ערגסטער איז דער 'יא יא'. דער ניין יא, איז דאך א גארנישט. צו האלט ער יא פון זיך, צו האלט ער נישט פון זיך, דאס איז נישט מעלה ומוריד, ער איז ממילא גארנישט. אבער דער 'יא יא', דו ביסט דאך יא עפעס, דו ווייסט דאך יא וואס דאס הייסט צו דינען דעם אייבערשטען, מיט דעם וואס ער האלט פון זיך אזוי, מאכט ער קאליע זיין גאנצע עבודה, דער איז דער ערגסטער פון אלע. דער 'יא יא' איז נאך ערגער פון דעם 'ניין יא'.

דער זיידע **דער שימלויא'ער רב** שרייבט אין **אבני המקום** (אבן שהם אות עא), אז **רבי הערש'לע ליסקער זי"ע** האט געזאגט, אז עס איז דא איינער וואס דאווענט שמונה עשרה, און ווען ער טרעט אויס די שמונה עשרה, טראכט ער ביי זיך, ב"ה איך האב אראפגעלייגט היינט א שמונה עשרה אזאנס און אזעלעכס. א צווייטער יוד טרעט אויס די שמונה עשרה, און ער האט צער ווי אזוי עס האט אויסגעזען זיין שמונה עשרה. האט ער געזאגט, דאס איז נאך חשובער ביים אייבערשטען פון דעם וואס האט געדאווענט בכוונה, און ער איז צופרידן מיט זיין דאווענען[א].

איך האב עס אמאל נאכגעזאגט ברבים, האב איך זיך באהיטן, אז מען זאל נישט מיינען אז דאס איז אזא גרויסע מדריגה, [און ער דארף הארעווען

---

[א] וזה לשונו: שמעתי בשם **הצה"ק מהר"צ מליסקא זי"ע** שאמר, שנים שמתפללין השמונה עשרה, אחד מתפלל במחשבה טהורה בכוונה, והשני מתפלל בלא לב ובמחשבות זרות. וזה שהתפלל בטוב, כשמסיים השמונה עשרה שמח בלבו, ואומר, ברוך ה' שהתפללתי שמונה עשרה כראוי. והשני מתמרמר בלבו, אוי לי, איך התפללתי במחשבות זרות, וי לי, איך אשא פני לעמוד לפניו יתברך ולחשוב מחשבות אחרות רעות וזרות. דע, שהשמונה עשרה של זה השני שלא התפלל כהוגן, חשובה ומרוצה לפני הקב"ה הרבה יותר מהשמונה עשרה של הראשון שהתפלל כראוי וכהוגן, לפי שיודע שהתפלל יפה, והשני מכיר שלא התפלל כראוי עכדה"ק.

דערויף]. ער וועט דאך מיינען, אז ווען ער טרעט אויס שמונה עשרה, און ער ווייסט אז ער איז נעבעך אפגעפארן א שמונה עשרה, איז ער חשוב ביים אייבערשטען. דער פשט איז נאר, אז דער שבירת הלב, האט א געוויסע חשיבות ביים אייבערשטען.

מען זעהט אז ביי פסח האבן די חכמים מחייב געווען אז עס דארף זיין דרך חירות. מוזגין לו את הכוס, כמלך, א דרגא פון שררות, ווייל מען דארף מעלה זיין די אלע שררות פארן אייבערשטען.

*

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען האט נישט געהאט קיין צרות מיט די ווייץ, מיט די מבוקעות?[ב]

**רבינו:** ביי די ערשטע שניט האב איך אויך געהאט, איך האב צוויי מאל געשניטן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א נס אז דו האסט נאך געקענט טרעפן. דו שניידסט נאך שפעטער אויך.

**רבינו:** איך בין געפארן א צוויי דריי טאג שפעטער אויף א אנדערע פעלד[ג].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דו האסט עס גלייך באמערקט?

**רבינו:** ניין, איינער וואס איז געווען דארט שניידן צוזאמען, האט מיך גערופן אז איך זאל עס באקוקן.

איך קען נישט גלייבן אז דאס איז מבוקעות. אז מען זאל אזוי פרי שניידן, און א האלבע פעלד זאל זיין מבוקע. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל. עס איז מסתמא נאר עפעס א פאנגע"ס.

---

[ב] שעלה ספיקות בכשרות החטים שנקצרו, בהיות שנמצאו הרבה חטים מבוקעות בצדדי החיטה, הגם שלא ירדה גשמים בשדות אלו למעלה מחודש ימים, אשר לפי ראות העין ניכר שזה סוג חולי שעל החיטה, שאינו נוגע לכשרותם למצות מצוה (עיין **בשו"ת מהרש"ם** (ח"ב סימן ד'), **ובשו"ת ישועת משה** (ח"ג סימן ל"ח), ובספר **מצת מצוה** (פרק ג' הערה מ"א). וע"ע **בשו"ת דברי מלכיאל** (ח"ג סימן כ"ב), **ובשו"ת קנין תורה** (ח"ה סימן ל"ח)). וגם לא נמצאו ביניהם שום מבוקע אחורי הסדק הטבעי כמבוקעות הרגילות.

[ג] כאשר העיר אחד מהרבנים על טרחתו של **רבינו שליט"א** לאחוז דרכו שנית בקצירת חיטים מהודרים, הפטיר **רבינו שליט"א** בצחות ואמר: הלא מצה היא מיכלא דאסוותא, וכמה היה אדם מטריח עצמו להגיע לידי רפואה טובה ובדוקה...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אמת. מען דארף אבער האבן כוחות אויך, אז מען זאל עס קענען עסן אין פסח, און זיין געזיכערט אז עס איז אלעס גוט. דאס איז אויך נישט גלאטיג.

**רבינו:** איך האב געזען צוברענגען פונעם **סאטמארער רב זצ"ל**, אז אמאל האט מען געקליבן ביי אים די ווייץ, און ער איז אריינגעקומען אינמיטן, און ער האט געזען אז אויפן טיש איז דא ווייץ, און קיינער איז נישט דארט אין צימער. האט ער געפרעגט, וואס איז דאס. האט מען אים געזאגט, אז מען איז פונקט ארויס געגאנגען. האט ער געזאגט פארן הויז בחור, ברענג א טעפל וואסער. דער הויז בחור האט געברענגט א טעפל וואסער, און ער האט עס ארויפגעגאסן אויף די ווייץ. האט ער געזאגט, איך וויל נישט אז עס זאל מיך רודערן, יא צו נישט, אזוי וועל איך דאס שוין זיכער נישט נוצן[ד]. ער האט מורא געהאט פונעם ספק, אז נאכדעם וועט ער אנהייבן צו טראכטען, אז עס איז נישט אזוי געפערליך.

יעצט יום טוב האב איך געזען צוברענגען פון איינע פון די ליטווישע גדולים, אז ער איז געגאנגען שניידן ווייץ, און אויפן וועג ווען מען איז אהיימגעקומען מיט די פערד און וואגן, איז נתקדרו השמים בעבים, עס איז געווארן פארוואלקענט, און עס האט אויסגעקוקט ווי עס גייט רעגענען. הערט דער זון ווי דער פאטער זאגט אזוי, רבונו של עולם, אז דו ווילסט שיקן רעגן, שיק א שטארקע רעגן, ווייל טאמער עס וועט נאר טראפן, וועט מען זיך אנהייבן צו דינגען צו עס איז יא משומר, צו עס איז נישט משומר. אז דו ווילסט שיקן א רעגן, שיק א שטארקע רעגן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** בעיני ראיתי, איך בין נאך געווען א יונגעל, ווען איך בין געווען מיטן טאטן

---

[ד] הובא בספר **שיח זקנים** (חלק שמיני דף כח) וזה לשונו: סיפר הרה"ח רבי יחזקאל שטיין נ"י (משב"ק אצל **הרה"ק מסאטמאר זצ"ל** משנת תש"י עד שנת תשי"ג) זוכר אני, שפעם בבוקר כשנכנס לחדרו ראה על השלחן חיטים לצורך מצה, ושאל מה זאת, אמרו לו שזהו חיטים לצורך מצה, שאל, וזה נקרא שמורה? (משום שלא היה מונח בתוך הכלי מוכן לזה, סגור) וציוה לשפוך מים על החיטים, ולא נח ולא שקט עד שראה איך ששופכים מים על החיטים, וציוה לשפוך עוד הפעם, ואמר, איך וועל מיר נאך איינרעדן אז עס איז שמורה.

זכרונו לברכה, אז מען האט שוין געהאט אפגעשניטן א פולע טראק מיט ווייץ, און פלוצלונג איז נתקדרו השמים בעבים, און עס האט אנגעהויבן צו רעגענען, נישט קיין שטארקע רעגן, און ער האט שוין געהאט גרייט א פלאכן (צודעק) צו צודעקן, אבער עס האט גענומען א מינוט צוויי ביז ער האט ארויפגעלייגט דעם פלאכן. פרעג איך דעם בעל הבית, עס האט דאך געצרעגנט. זאגט ער, עס איז געווען נאר אביסל רעגן, אונז וועל מיר אראפנעמען פון אויבן אביסל ווייץ, און עס וועט זיין גוט. - איך האב עס אליין בייגעוואוינט, עס איז געווען פון די חשובע בעקערי'ס, עס איז א גרויסע נסיון.

**רבינו:** קען זיין אז עס איז טאקע גוט, מען דארף וויסן די הלכה, צו עס הייסט משומר (עיין בשו"ע סימן תס"ז, ובמשנה ברורה שם סק"י).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען דארף וויסן וויפיל רעגן, און ווי אזוי עס איז געווען. דאס איז דער פשט, ביי יעדע זאך וואס האט א הכשר, דארף טאקע דער רב זיין דארט יעדע מינוט, און ביי יעדע טראק? ער האט אראפגעגעבן זיינע זאכן ווי אזוי מען דארף טון. דער עיקר איז תלוי היינט ווער עס איז דארט בשעת מעשה.

**רבינו:** לא תאונה אליך רע, ונגע לא יקרב באהלך, א ספק איסור (סנהדרין קג.).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א ספק איסור איז נאך ערגער. דער **רמ"א** (או"ח סימן תר"ג סעיף א') ברענגט צו, אז א אשם דארף קאסטן מער פון א חטאת, ווייל אין הארץ איז ער נישט אזוי מתחרט[ה].

**רבינו:** איך בין אלץ מסופק אין די שמירה פונעם ווייץ, פונעם שניידן ביז מען נוצט עס. ער האט ביי זיך אינדערהיים א קע"ן וואו עס ליגט אים דארט זיינע ווייץ, און עס קומט אריין א גוי אין שטוב, און קיינער איז נישט דארט, הייסט עס משומר? עס מוז זיין משומר אויך פון א מזיד אז קיינער זאל נישט קענען צוגיין און טון עפעס במזיד, צו עס איז גענוג אז נארמאלערהייט זאל עס זיין משומר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען קען נישט אנדערש, נאר אז מען נעמט אזוי אן, אז עס איז משומר פון נארמאלע פאסירונגען. ווייל אפילו א גוי'טע וואס קומט רוימען פרייטאג, שטייט ער דען און ער היט די גויטע א יעדע רגע?! די גויטע קען צוגיין, און עפענען די קען, און אריינגיסן וואסער.

**רבינו:** אפשר איז דער פשט אז עס דארף זיין פארמאכט מיט א שלאס, אז מען זאל נישט קענען צוקומען. און איך וועל זאגן אז משומר איז דער טייטש, אז דו האסט א שטוב וואס איז פארשפארט, און קיינער טרעט נישט אריין דארט מבואו ועד צאתו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך שרייב דערין א שטיקל מערכה אין דעם נייעם **משנה ברורה** (שער הציון החדש חלק ב', על דיני קצירת החיטים, שיצא בקרוב אי"ה), און איך בין נוטה שטארק לקולא. כמעט לא מצינו ידינו ורגלינו אז עס זאל זיין משומר אויף טויזנט פראצענט. און אז ער פארט אוועק אויף א טאג, האט נישט געקענט איינער אריינברעכן? א מענטש טוט עס טאקע נישט, אבער אז ער וויל, קען ער. עס קען נישט זיין משומר אויף טויזנט פראצענט.

**רבינו:** לאמיר זאגן ער האט א פולע שטוב מיט ווייץ, איז נישט במציאות אז עס מאכט זיך א לאך אויבן און עס הייבט אן אריינצורעגענען?! איז עס משומר?!

**א' מהנוכחים:** עס ווערט אלץ א סימן, די דאך ווערט ברוין.

**רבינו:** דאס איז נישט גענוג. אפילו עס איז נישט געשען, מוז ער עס היטן אז עס זאל נישט קענען פארקומען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אבער דאס איז די פשט. ער האט עס אריינגעלייגט אין א שטוב וואס איז יעצט פארמאכט, און דאס הייסט אז ער האט עס געהיטן. עס שטייט נישט אז ער מוז עס היטן אז עס זאל נישט זיין במציאות קיין מעגליכקייט אז עס זאל נישט ווערן נאס. ער דארף נאר טון א פעולה פון שמירה[ו].

---

[ה] וזה לשונו: ויש לכל אדם לחפש ולפשפש במעשיו, ולשוב מהם בעשרת ימי תשובה, וספק עבירה צריך יותר תשובה מעבירה ודאי, כי יותר מתחרט כשיודע שעשה, משאינו יודע. ולכן קרבן אשם תלוי הוצרך להיות יותר ביוקר מחטאת.

[ו] ראה בספר **תולדות שמואל** (מצוה י' סימן ב' או ג') שכתב, ונראה לי פשוט דגם לפי דברי הפוסקים דסבירא להו שימור מן התורה משעת קצירה, מכל מקום אין השומר צריך להיות יושב ומשמר או אפילו להיות נכנס ויוצא, אלא כל שאספו תיכף אחר קצירה ודישה, והצניעו ברשותו במקום שאי אפשר שיבא עליו מים שלא מדעת, הרי זה שמירה מעליא. וזה נלמד לענ"ד מקל

**רבינו:** מען האט יעצט געדרוקט א הגדה פונעם **ברך משה זצ"ל**, מיט מנהגים. זיי זענען מזכיר דארט אז אין **ויגד משה** שטייט די מנהגים פון סיגוט, אז דו האסט געהערט א חלק פונעם **סאטמארער רב** און א חלק פונעם **ברך משה**. דאס איז דאך די בעסטע מקור, וואס מען האט געהערט פון אים אליין.

---

וחומר ממי חטאת, דכתיב בהו למשמרת כמה פעמים בתורה הק', ואפילו הכי משמע במסכת פרה (פרק יא משנה א) שכשמצאו במקום שהניחו בלי שום שינוי הרי זה כשר, ואף על פי ששם פוסל אפילו רק נגיעה בעלמא של אדם טמא [וכו'], ואם כן מכל שכן בנידון דידן שאין לחוש רק מביאת מים, ודאי דסגי אם מניחו עכ"פ ברשות ישראל במקום מוצנע שאי אפשר שיבא שם מים שלא מדעת, אפילו אינו סגור ומסוגר מדריסת הרגל של בני הבית, או אפילו משאר בני אדם, כיון שמונח עכ"פ ברשות ישראל. וזה פשוט מאוד. אבל בשמונח ברשות עכו"ם ודאי לא מהני וכו' ע"ש.

וראה עוד **בביאור הלכה** (סימן תנג ד"ה ולפחות) לענין הולכת החטים על מסילת הברזל בלי שומר ישראל, וציין לדברי **השדי חמד** (מערכת חמץ ומצה סימן יא אות ו) שהאריך בזה לצדד להקל אם הוא בתוך חותם כראוי. ועיין עוד **בשו"ת זכר יהוסף** (סימן קלו), **ובשו"ת דברי מלכיאל** (ח"ה סימן יב). **ובשו"ת מהר"ם שיק** (סימן רלד) כתוב דמעשים בכל יום שמניחים הקמח אחר הטחינה בבית או במקום מיוחד, ואי אפשר שיהא יושב ושומר, וסומכין על השמירה דחותם בתוך חותם דמהני.

**ובשו"ת משנה שכיר** (ח"א סימן קיא) הביא דברי **שו"ת מהר"ם שיק** (סימן קכה) שהחמיר מאוד בשמירת החטים, דאם מונחים בקום שיש לחוש לעכברים, לא הוי בכלל שמורים, אפילו שאין נמצא שום כתם או סימן אחר, וסיים עלה: ועל דבר זה באמת יש לצער הרבה, כי הבעלי בתים נותנים החטים משומרים על גג הבית או בשאר מקום מוצנע המשומר מגשם ומים, וחושב כי בזה יוצא ידי חובת שמירה, ואינו יודע או אינו נותן לב לדעת אם שכיחים שם עכברים, ואם שכיח, אזי תו לא חשיב שמורה לדעת **רבינו המהר"ם שיק** אשר הלכה כמותו בכל מקום, על כן יש לנהוג כמו שראיתי בילדותי בבית אבי מורי ורבי מו"ה יצחק שליט"א שהיה לקוח את החטים המשומרים משעת קצירה, אחר הדישה שנדוש לפניו, ונותן בשק מעוטף בהרבה עיטופים, ונותנן בבית אשר אין אדם נכנס לתוכו, ותולהו באויר הבית על הקורה, וכעת אני רואה שראוי לעשות כן, ובלא זה כמעט לא אפשר לצאת ידי חובת שמורה לפי דעת **מרן המהר"ם שיק זצ"ל**. ומביא שם **שהגה"ק רבי ישראל סלאנטער זצ"ל** היה גם כן מחמיר מאוד בדבר השמירה, והמעט שבלים שקצר היה מכניס בתיבה קטנה ומחזיקם בבית גנזיו עד טחינתם לפני הפסח ע"ש.

פונעם **סאטמארער רב** שטייט אזוי, און פונעם **ברך משה** אויך, אז ווען ער האט אהיימגעברענגט די מצות, האט ער עס אריינגעלייגט אין א שאנק, און צוגעשפארט די שאנק מיט א שלאס. גאנץ פסח זענען די מצות געווען פארשפארט, ער האט קיינמאל נישט ארויסגעגעבן די שליסל, און ווען מען האט געדארפט מצות, האט ער אליין גענומען. זעהט אויס אז דער פאטער, דער **עצי חיים**, און דער זיידע, דער **קדושת יום טוב**, האבן זיך אזוי געפירט, און זיי האבן אלע נאכגעמאכט. פעם אחת שאלו אותו, דעם **ברך משה**, וואס עס איז דער טעם. האט ער געזאגט, אזוי שטייט דאך (שמות יב-יז), ושמרתם את המצות. דאס איז א ווערטל, אדער דאס איז א אמת?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** פון וואס היט ער עס? על פי התורה מעג דאך ארויפקומען דערויף ממש וואסער. אפשר אז מען זאל עס נישט איבערטוישן אויף חמצ'דיגע מצות. אבער ווער וועט עס טוישן?

**רבינו:** זעהט אויס, אז ער האט געהאט ווייניג מצות, ביים **קדושת יום טוב** האט זיך עס שוין אנגעהויבן, און דער עולם האט געשלעפט, די חסידים האבן געדארפט דעם רבי'נס מצה, האט ער עס איינגעשפארט, כדי ער זאל האבן זיינע מצות[ז].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ושמרתם את המצות איז געווען א דרך צחות.

עס איז דא א מעשה פון א גרויסן צדיק, אז די רעבעצין האט אוועקגעגעבן זיינע מצות פאר א ארימאן, און ער האט זיך נישט געבייזערט וכדומה. זעהט מען דאך אז עס קען פארקומען, און ער האט געוואלט זיין געזיכערט מיט זיינע מצות, אז מען זאל עס נישט טוישן.

*

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **ברוך אברהם** ני"ו בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה קאהן** הי"ו.

---

[ז] בספר **אוצרותיהם של צדיקים** (דף שכב) מובא בשם **הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל** שזקנו מרן **בעל דברי חיים מצאנז זי"ע** היה נועל את המצות שאפה לעצמו בארון מיוחד, והמפתח היה רק ברשותו, כדי לקיים ושמרתם את המצות בהידור רב, ע"ש עובדא בארוכה.

***יום שישי - ב׳ דחוה״מ***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לביקור חג אצל **הגה״צ אב״ד בראשוב שליט״א**, לרגל עברו בביתו החדש בימים אלו.

*

***יום ראשון - ד׳ דחוה״מ***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לבקר את הר״ר **ישראל אליעזר וויינער** הי״ו.

*

***יום שני – שביעי של פסח***

בליל שביעי של פסח ערך **רבינו שליט״א** את השלחן בבית מדרשנו. אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג השמיע **רבינו שליט״א** דברי תורה בענין הנס של קריעת ים סוף. אחר כך עמד **רבינו שליט״א** לאמירת השירה פסוק בפסוק, ובסיום השירה רקדו כל הקהל ניגוני שמחה לכבוד היום. אחר ברכת המזון עברו קהל אנ״ש לקבל מצה (ביזת הים) מאת **רבינו שליט״א**.

*

***יום שלישי - אחרון של פסח***

בשעות הערב נטל **רבינו שליט״א** ידיו לסעודת נעילת החג. אחר שזימרו כל סדר ההגדה המשיכו לזמר ניגוני התעוררות ודביקות.

בהדברי תורה התחיל **רבינו שליט״א** דבריו, אשר בחג הפסח אנו מעידין על מה שהראה ה׳ שלא עזב את הארץ, ומשגיח עליה, ומשדד הטבע כרצונו, וממנה נמשך שורש האמונה אשר בקרבנו.

בסיום הדברים עורר **רבינו שליט״א** על כמה דברים הצריכים חיזוק, להזהר בזהירות יתירה בכלי הטעכנאלאגיע, ולקבוע דירתו בימי הקיץ בין אנשים יראים ושלמים ובני תורה. וזה תוכן דבריו: דאס איז דער ענין פון פסח, **פסח דארף א יוד אריינעמען אין זיך אמונה צו גלייבן אינעם אייבערשטען, אז אלעס פירט דער רבונו של עולם. און זאגן שירה לעתיד לבא, אפילו ווען ער זעהט נאכנישט די ישועה, ער איז נאך אין די צרה, די פראבלעמען האבן זיך נאכנישט געענדיגט ביי אים, פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיך בוטח זיין אינעם אייבערשטען. דער רבונו של עולם פירט די וועלט, און אז דער אייבערשטער האט אזוי געפירט, איז א סימן אז דאס דארף צו זיין. אז דער אייבערשטער האט עס דיר געגעבן, איז עס מיט א חשבון, און עס איז זיכער דיין טובה, און ווען ער וועט עס וועלן אוועקנעמען וועט ער עס אוועקנעמען פון דיר. אבער די שירה, און די מוט, און די שמחה וואס א יוד דארף האבן, דארף ער האבן אין אלע זמנים.**

**עס** זאגט זיך זייער גרינג, און ווען עס קומט למעשה איז עס א געוואלדיגע עבודה, אבער דאס איז דער ׳ושמרת את החוקה הזאת למועדה מימים ימימה׳ (שמות יג-י), דאס דארף דער יום טוב מיטגעבן אויף א גאנץ יאר. דער יום טוב פון פסח, וואס מען האט געלעבט מיט די אמונה אז דער אייבערשטער פירט אלעס, אלעס קומט פונעם אייבערשטען. מען האט מיטגעלעבט מיט די נסים, און נישט נאר מען האט מיטגעלעבט מיט נסים וואס איז געווען אמאל, נאר בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, כאילו איך בין עס אדורכגעגאנגען, איך האב די אלע זאכן געזעהן מיט מיינע אויגן. ווען דו האסט עס געזעהן מיט דיינע אויגן, דעמאלטס וועט דיין השתדלות וואס דו וועסט טון שפעטער זיין א אנדערע סארט השתדלות, ווייל דו ווייסט אז מען דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען.

**דאס** איז די עבודה וואס א יוד דארף מיטנעמען מיט זיך בשעת מען גייט אוועק פונעם יום טוב. מען גייט אריין אין א לאנגן זומער, **מיטנעמען מיט זיך די אמונה, אז דער רבונו של עולם איז שטענדיג מיט אונז, עס איז נישט דא א זמן וואס א מענטש געפונט זיך אליין, אז ער זאל קענען טון א זאך וואס ער וואלט נישט געטון אקעגן דעם רבונו של עולם, אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה׳** (ירמיה כג-כד), **עס איז נישט שייך זיך צו באהאלטן פונעם אייבערשטען**. ווען א יוד גלייבט באמת אז עס איז דא א מנהיג לבירה, דער אייבערשטער פירט אלעס, און מען איז אונטער די הענט פונעם אייבערשטען, פירט מען זיך אויף אנדערש. זיין גאנצע הנהגה איז אנדערש. **אין די געשעפטן ווייסט ער אז ווען ער איז מצליח איז עס נישט זיין כח, עס איז נישט כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה** (דברים ח-יז). **ווען דער אייבערשטער וואלט נישט אויסגערופן פאר**

**דעם, וואלט ער נישט צוגעקומען דערצו, און ער דאנקט דעם רבונו של עולם אויף יעדע טובה וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים.** און ח"ו אז מען האט נישט זוכה געווען דערצו, דארף מען אויך דאנקען דעם אייבערשטען. יעדע השתדלות וואס א יוד טוט, דארף ער זיך נישט פארלאזן אויף די השתדלות, נאר זיך פארלאזן אויפן רבונו של עולם. דו טוסט וואס דו דארפסט צו טון, **אבער די עיקר אז די השתדלות זאל מצליח זיין, ווענט זיך עס ווי אזוי דו דאווענסט. ביי די תפלות דארט פועל'ט מען אלעס. און וואס דו ווערסט נישט פועל'ן ביי די תפלות, קען מען נישט פועל'ן שפעטער. און עס איז אסאך גרינגער צו פועל'ן ביים אייבערשטען דורך אוועקגעבן די שעה אין בית המדרש, צו דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, און מען פארשפארט שפעטער אסאך שעות וואס מען ווייסט נאכנישט ווי אזוי מען וועט מצליח זיין.** די צייט וואס מען לייגט אריין אין די השתדלות, ווענט זיך אין דעם כח פון זיין אמונה. ווי מער די אמונה לייכט ביי א יוד, איז זיין חלק ההשתדלות גאר א קליינע חלק, ווייל ער ווייסט אז ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען.

**און** כל שכן ווען מען רעדט פון די היינטיגע נסיונות וואס מען האט, די אינטערנעט וכדומה. מען פארענטפערט זיך, אז עס איז לצורך פרנסה וכדומה, יעדער דארף וויסן ביי זיך, צו עס איז אמת צו נישט. און אפילו לצורך פרנסה, רעדט מען נישט פון א זאך וואס האט נישט קיין פילטער, וואס דאס איז א איסור גמור. א יוד טאר דאס נישט האלטן, מען רעדט נאר אפילו ווען מען איז בוחר הרע במיעוטו, מיטן פילטער אליין, איז דאס אויך נאך גאר א געמיינע שוואכע כלי.** מען האט נאר נישט קיין ברירה אסאך מאל, און מען דארף זיך באנוצן דערמיט. אבער ווען א יוד גלייבט באמת, אז זיין פרנסה איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, **דער אייבערשטער וועט נישט צונעמען זיין פרנסה ווייל ער פירט זיך ערליך!** אדרבה ווי מער ער וועט מוסיף זיין אין קדושה וטהרה און עבודת ה', איז ער אלץ מער געזיכערט אז עס וועט זיין ברוך אתה בעיר, וברוך אתה בשדה, ברוך אתה בבואך, וברוך אתה בצאתך. די ברכות וואס דער אייבערשטער גיט אונז, איז אלעס נאר אויב מען פירט זיך ווי עס דארף צו זיין. - ווען א יוד נעמט מיט, די אמונה פון פסח, זענען זיינע געשעפטען שפעטער אנדערש, זיין הנהגה אין יעדע זאך איז אלעס געווענדען, צו עס איז דער רצון ה' צו נישט.

*

**ווען** עס קומט דער זומער, איז א ספעציעלע זמן וואס די נסיונות זענען אסאך שווערער פון א גאנץ יאר. מען גייט דאך אוועק זומער פון שטוב, **יעצט איז די צייט צו מאכן א חשבון, אז בשעת ער דארף אוועקגיין זומער, זאל ער זיך אויסקלויבן א פלאץ וואו ער וועט נאר זיין אין א ערליכע סביבה.** די שכנים זענען זייער אסאך משפיע אויף א מענטש. ווען מען געפונט זיך אין א גוטע סביבה, דעמאלטס קען מען מצליח זיין, און ח"ו אז נישט, קען מען פאלן. אמאל ער, אמאל די בני בית, אמאל די קינדער. **איין שלעכטע שריט וואס ער האט געטון בשעת ער האט ארויסגענומען זיין מקום ווי ער גייט זיין זומער, האט ער אסאך מאל אפגע'הרג'ט גאנצע צוויי חדשים פון זיין לעבן.** און פון די אנדערע זייט, קען אמאל זיין, אז די פרייע צייט וואס א מענטש האט זומער, איז א זמן פון התעלות. **טאמער ער געפונט זיך אין א גוטע סביבה, דעמאלטס שטייגט ער. ער האט מער צייט צו לערנען, און צו דינען דעם אייבערשטען. זיין דאווענען איז אנדערש, זיין עבודת ה' איז אנדערש, ובאו אליך כל הברכות האלה 'והשיגוך', ער קען זוכה זיין צו א השגה, בשעת ער קומט אריין אין עבודת ה'.** יעצט איז די צייט, ווען מען טוט זיך אויסקלויבן א פלאץ ווי צו גיין, אז מען זאל נאר גיין אויף א פלאץ וואס איז א ערליך פלאץ, און א הייליג פלאץ, וואו מען איז אפגעהיטן, און דעמאלטס קען מען אויספירן די תכלית פונעם לעבן.

**אלע** ווייסן מיר אז דער לעבן פון א מענטש איז פארגענגליך, מען איז נישט אראפגעקומען דא אזוי ווי אומות העולם קומען אראפ אויף די וועלט, זיך מתענג צו זיין פון עולם הזה. ביי אונז איז די גאנצע לעבן נאר א פרוזדור בפני עולם הבא. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), **יעדע מחשבה פון א יוד אין משך פונעם טאג דארף צו זיין, וואס גיי איך האבן פון דעם אויף לעתיד! וואס וועל איך אוועקלייגן פון דעם אויף מיין עולם הבא!** טאמער ער פירט זיך ערליך, יעדע מצוה,

יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט, ווערט אלעס פארשריבן אויבן, עס איז גארנישט פארהוילן פונעם אייבערשטען, אפילו א שיחה קלה פון א מענטש ווערט נישט פארגעסן אויבן פונעם אייבערשטען. דער באשעפער איז נישט קופח שכר כל בריה. און מען דארף לעבן מיט דעם, אז די וועלט איז א פארגענגליכע וועלט, עס איז נישט כדאי אפילו א קרעכטץ צו געבן אויף די וועלט, טון נאר וואס מען קען זוכה זיין צו חיי עולם הבא.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מיטנעמען מיט אונז די קדושה פון דעם יום טוב, והשיאנו ה' אלקינו את ברכת מועדיך לחיים ולשלום. די פשוטע פשט איז, והשיאנו, דער אייבערשטער זאל אונז אנלאדענען מיט די ברכת מועדיך. והשיאנו איז אויך א לשון פון נשיאות, מען קען דערהויבן ווערן פון א יום טוב. ווען מען נעמט מיט די יום טוב מיט זיך אויף א גאנץ יאר, ווערט דער מענטש דערהויבן, זיינע השגות זענען אנדערע השגות ווי פאר דעם. והשיאנו ה' אלקינו, דער אייבערשטער זאל אונז אויפהייבן, את ברכת מועדיך, מיט די ברכה פונעם יום טוב, לחיים ולשלום לשמחה ולששון.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז שביעי של פסח און אחרון של פסח איז א זמן פון קריעת ים סוף. פרנסתו של אדם איז קשה כקריעת ים סוף (פסחים קיח.), זיווגו של אדם איז קשה כקריעת ים סוף (סוטה ב:), און פאר די אלע זאכן האט זיך געשפאלטן דער ים. עס איז א זמן וואס איז מסוגל פאר פרנסה פאר יודן, עס איז אויך מסוגל פאר זיווגים, די וואס דארפן זיווגים, און פאר די וואס האבן זיווגים, זאל זיך אלעס אויסשטעלן ווי עס דארף צו זיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל נשפע ווערן אויף אונז אלע השפעות פון דעם יום טוב, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען בשמחה ובטוב לבב, מען זאל קענען איינפלאנצן אין זיך אמונת ה', וואס זאל לייכטן ביי א יוד יעדע רגע פון זיין לעבן. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, כימי צאתנו ממצרים אראנו נפלאות, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן אין די טעג וואס מיר זענען ארויסגעגאנגען משיעבוד לגאולה ומעבדות לחירות. יודען זענען שוין אזויפיל יארן אין גלות, יעדעס יאר מיינט מען הוא השנה הזאת, דאס איז די יאר וואס דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן, אבער אונז פארליר מיר נישט אונזער בטחון אינעם אייבערשטען, בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, ניסן איז געווען די גאולה, און מיר האפן צום אייבערשטען אז דעם ניסן וועט דער אייבערשטער אונז נאך אויסלייזן, זאלן מיר אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה מאת **רבינו שליט"א**.

*

***<u>יום רביעי פרשת שמיני</u>***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק להשתתף אצל הלויה של **הגה"צ רבי אברהם יוסף ראזענבלום זצ"ל** ראש ישיבת שערי יושר.

*

***<u>יום חמישי פרשת שמיני</u>***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית איגר ע"ה (אלמנת **הרה"צ רבי מענדל איגר זצ"ל** מלובלין).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי רובין הי"ו**, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמיני</u>***

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי חיים דוב ווייסבערג שליט"א** בברכת המזון.